**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/18/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט הלוואה צוריקצאלן פראגראם פארברייטערונג צו גייסטישע הילף פראקטיקער וועלכע דינען קינדער און יוגענטלעך**

***פאפולערע פראגראם פארברייטערט צו קוואליפיצירטע גייסטישע הילף ארבעטער ביי פראוויידער און איינריכטונגען לייסענסד דורך די אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס***

***מער פון 9.6 מיליאן דאלאר געשאנקען צו העלפן גייסטישע הילף קעיר פראוויידער און געמיינדע-באזירטע שפיטעלער ציען און אנהאלטן פראפעסיאנאלע שטאב***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן א 4 מיליאן דאלאר פארברייטערונג פון די געמיינדע גייסטישע געזונט הלוואה צוריקצאלן פראגראם צו אריינרעכענען לייסענסט פראפעסינאלן וועלכע דינען קינדער און יוגענטלעך ביי פראגראמען לייסענסד אדער פינאנצירט דורך די סטעיט. אדמיניסטרירט דורך די סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health, OMH), אין צוזאמארבעט מיט די אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services, OCFS), די פינאנצירונג וועט צושטעלן כאטש 400 געשאנקען פון ביז $30,000 צו העלפן גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן וועלכע דינען יוגענט צוריקצאלן עדוקאציע הלוואות און סטודענט חובות, מיטן באדינגונג אז זיי ארבעטן מינימום דריי יאר ביי בארעכטיגטע גייסטישע געזונטהייט פראגראמען.

"די ווירקזאמקייט פון ניו יארק סטעיט'ס גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם פארלאזט זיך אויף אונזער קענטעניש צו ציען העכסטע פראפעסיאנאלן צו טוהן די קריטישע ארבעט," **גאווערנער Hochul (האקול) האט געזאגט.** "דורך פארברייטערן די געמיינדע גייסטישע געזונטהייט הלוואה צוריקצאלן פראגראם צו פארגראמען און איינריכטונגען וועלכע דינען יוגענטלעכע, אונז קענען העלפן אונזער סטעיט אנהאלטן עקזיסטירענדע שטאב און איפנעמען נייע פראפעסיאנאלן און פארמיידן מיטמאכן די מאנגלן וועלכע ווערן געזעהן אין פילע אנדערע ערטער פון אונזער פאלק."

דער קאמיוניטי גייסטישע געזונטהייט הלוואה באצאלונג פראגראם (Community Mental Health Loan Repayment Program) גיבט ביז אזויפיל ווי $120,000 פאר פסיכיאטארן און $30,000 פאר אנדערע גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן צו באצאלן די הלוואות וואס זיי האבן ארויסגענומען פאר די קוואליפיצירנדע בילדונג און זייערע סטודענט חובות — מיט די תנאי אז זיי בלייבן ארבעטן ביי לייסענסירטע קאמיוניטי גייסטישע געזונטהייט פראגראמען פאר דריי יארן. פראגראם בארעכטיגקייט רעכנט אריין פילע לייסענסד גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן, אריינגערעכנט מעסטער און קלינישע סאציאלע ארבעטער; גייסטישע געזונטהייט קאונסעלארס; הייראט און פאמיליע טעראפיסטן; שעפערישע קינסט טעראפיסטן, פסיכאנאליסטן און פסיכאלאגן.

א הויכע פריאריטעט פאר ארבעטקראפט קאפאציטעט איז די קינדער און יוגענט אויפירונג געזונטהייט ארבעטקראפט, צוליב דייוגענט גייסטישע געזונטהייט קריזיס און די געברויך פאר גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן צו אדרעסירן די נאציאנאלע עמערדשענסי אין קינדער און יוגענט גייסטישע געזונטהייט. די פארברייטערונג וועט ווייטער פאקוסירן אויף בארעכטיגטע לייסענסד פראפעסיאנאלן וועלכע דינען קינדער און יוגענט ביי געמיינדע פראגראמען לייסענסד, דעזיגנירט, אדער פינאנצירט דורך OMH אדער OCFS צו פארמערן צוטריט און פארהאנענקייט פון גייסטישע געזונט סערוויסעס פאר קינדער און יוגענט.

די לעצטע פארברייטערונג פון די הלוואה צוריקצאלן פראגראם וועט פארברייטערן כאטש 400 געשאנקען צו OMH און OCFS פראוויידער וועלכע שטעלן צו דירעקטע קעיר גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס צו קינדער אדער יוגענטלעכער. דעס רעכנט אריין קינדער'ס טאג באהאנדלונג פראגראמען, היים באשירטע קריזיס אינטערווענונג פראגראמען, געמיינדער וואוינונג פאר עסן דיסארדער איינגעפירטע באהאנדלונג פראגראמען, און וועלענדיגע פאסטער קעיר אגענטורן, געציילטע פארזיכערטע פראגראמען באשטעטיגט אינטער ניו יארק סיטי'ס 'נאנט צום היים' איניציאטיוו, און אנטלאפענע און היימלאזער יוגענט פאגראמען.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון מענטעל העלט קאמיסיאנער Dr. Ann Sullivan (דאקטאר ענן סוליווען) האט געזאגט,** "פארגרעסערן אונזער יוגענט גייסטישע געזונטהייט ארבעטסקראפט איז קריטיש און פארברייטערן צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס פאר אונזער יונגע ניו יארקער. די פארברייטערונג פון די הלוואה צוריקצאלונג פראגראם וועט אונז העלפן בויען א גייסטישע געזונטהייט קעיר ארבעטקראפט וועלכע טוט עכט רעאגירן צו אונזער היינטיגע געברויכן און לאנג אין די צוקונפט. איך אפלאודיר גאווערנער Hochul (האקול'ס) אנגייענדע פאקוס אויף פארשטערקערן אונזער גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם און פארזיכערן אלע ניו יארקער האבן די שטיצע זיי דארפן צו לעבן בליען."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס קאמיסיאנער Dr. DaMia Harris-Madden (דאקטאר דאמיא העריס-מעדען) האט געזאגט,** "די ריזן אינוועסטירונג וואס גאווערנער Hochul (האקול) האט געמאכט אין די גייסטישע געזונטהייט סיסטעם טוט רעאגירן צו די וואקסענדע געברויך פאר שטיצע, סערוויסעס און געלעגענהייטן פאר די וועלכע דארפן אינטערווענונג, אזוי איך אינדיווידואלן וועלכע זענען קריטיש פאר די סיסטעם'ס ארבעטסקראפט. מיט איינס פון פינעף מענטשן אין די פאראייניגטע שטאטן ליידענדיג פון גייסטישע געזונהייט דיסארדערס - און אלאמירענדע ראטעס פון יוגענט און קינדער מיט הויך-עקיוסיטי געברויכן - עס איז נויטיג צו בויען די קאריערע פייף ליניע צו שטיצן די גייסטישע געזונטהייט סיסטעם. אונזער גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן זענען א קריטישע טייל פון שטיצן די גרונטליכע וואויל זיין פאר קינדער און יוגענט. OCFS שטיצט די צילן פון די גאווערנער און די אפיס פון גייסטישע געזונט צו הייבן די גייסטישע געזונטהייט ארבעטסקראפט דורך פארברייטערן די געמיינדע גייסטישע געזונטהייט הלוואה צוריקצאלונג פראגראם צו לייסענסד פראפעסיאנאלן וועלכע דינען קינדער און יוגענטלעכער אין OCFS לייסענסד פראגראמען."

אנאך 3 מיליאן דאלאר איז פארהאנען פאר בארעכטיגטע פראפעסיאנאלען באשעפטיגט דורך OMH-לייסענסד פראווידער, אריינגערעכנט גרונטליכע פסיכיאטרישע עמערדשענסי פראגראמען, איינוואוינער באהאנדלונג איינריכטונגען, שטרענגע געמיינדע באהאנדלונג שטאב, קינדער'ס טאג באהאנדלונג, גייסטישע געזונטהייט אוטפאציענט באהאנדלונג און ריהאביליטירענדע סערוויסעס און קריזיס סטאביליזאציע צענטערן. די פינאנצירונג בלייבט איבער פון פריערדיגע רונדעס פון די פראגראם און וועט שטיצן כאטש 120 באלוינען, אריינגערעכנט 60 פסיכיקאטרן און 60 פסיכיקאטרישע נורס פראקטיציאנירער אדער פסיכיקאטרישע דאקטאר'ס געהילפן.

דערווייל, די פראגראם האט צוגעשטעלט ארום 9.6 מיליאן דאלאר יעליכע הלוואה צוריקצאלונגען אין נאמען פון 909 געמיינדע גייסטשע געזונטהייט פראגראם איינגעשטעלטע. דעס רעכנט אריין 77

פסיכיאטער, 164 פסיכאטרישע נורסעס און דאקטאר העלפער און 868 לייסענדס גייסטישע געזונהייט פראקטיציער.

גאווערנער Hochul (האקול) האט אוועק געשטעלט די הלוואה צוריק צאלונג אין 2022 מיט 9 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג צו העלפן געמיינדע גייסטישע געזונטהייט אגענטורן אויפנעמען און אנהאלטן פסיכיאטער און פסיכאטרישע נורס פראקטיציערער. די פראגראם איז פארברייטערט געווארןאין 2023 מיט נאך 5 מיליאן דאלאר, ערלויבענדיג לייסענסד גייסטישע הילף פראפעסיאנאלן צו איינשרייבן פאר געשאנקען.

אריבער דאס לאנד, האבן וואקסנדע ראטעס פון גייסטישע קראנקהייט און דראג באנוץ קראנקהייט געשאפן א פארגרעסערטע פארלאנג פאר פסיכיאטארן און פאר אנדערע גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן — א נויט וואס איז ערווארטעט צו איבערשטייגן די וואוקס פון די ארבעטסקראפט אין דעם פעלד. לויט פון די Center for Health Workforce Studies (צענטער פאר געזונטהייט ארבעטסקראפט שטודיעס), איז ניו יארק סטעיט פארגעשאצט צו האבן צווישן אומגעפער 1,180 און 2,650 פסיכיאטארן צו ווייניג ביז 2030.

די פארברייטערונג פון די הלוואה צוריקצאלונג פראגראם טוט אפשיגלען גאווערנער Hochul (האקול"ס) פעלזן פעסטע פארפליכטונג צו אדרעסירן און פארבעסערן יונגענט גייסטישע געזונטהייט איבער די סטעיט. איר פיסקאלע יאר 2026 עקזעקעטיווע בודשעט וועט פארברייטערן יוגענט גייסטישע געזונטהייט ערשטע הילף טרענירונג פאר הויעך שולע סטודענטן זיי צו העלפן רעאגירן צו צייכענעס פון גייסטישע געזונטהייט און סובסטאנץ באנוץ שוועריגקייטן; און וועט צולייגן פיר יוגענט זיכערע ערטער איבער די סטעיט צו צושטעלן א פלאץ פאר יונגע מענטשן צו האבן צוטריט צו אויפירונג געזונטהייט וואויל זיין רעסארסן.

אלס טייל פון איר 1 ביליאן דאלאר מענטעל העלט איניציאטיוו, האט גאווערנער Hochul (האקול) אויך שטארק פארברייטערט צוטריט צו מענטעל העלט קעיר און ריסאורסעס פאר יונגע מענטשן און זייערע פאמיליעס - אינוועסטירונגען וועלכע זענען נאכאמאל געהעכערט געווארן אין די ענעקטעד בודשעט פון די 2025 פיסקאלע יאר. די אינוועסטירונגען נעמען אריין 20 מיליאן דאלאר אין אויפשטעלונגס געלטער און א פארענדע אפליקאציע פראצעדור פאר שולע-באזירטע מענטעל העלט קליניקס; און צושטעלן 9.6 מיליאן דאלאר צו צולייגן 12 נייע יוגנט עסערטיוו קאמיוניטי באהאנדלונג ( Youth Assertive Community Treatment) צו פארזיכערן אז ריסאורסעס און שטיצע זענען עוועיליבל פאר מער פאמיליעס.

**סטעיט סענאטארטשע Samra G. Brouk (סאמרא ג. ברוק) האט געזאגט,** "אלץ פארזיצערין פון די סענאט קאמיטע אויף גייסטישע געזונטהייט, איך האב אקטיוו געארבעט צו אדרעסירן די לענגאויס די סטעיט יוגענט גייסטישע געזונטהייט קריזיס ווען שטיצענדיג די גייסטישע געזונטהייט ארבעטקראפט. איך האב מיך געשלאגן צו העכערן שטיצע פאר אינדיווידואלן וועלכע שטעלן צו לעבענסרעטענדע קעיר מיט מיין לעגיסלאציע צו אווערשטעלן א שולע סאזירטע גייסטישע געזונטהייט הלוואה צוריקצאלונג פראגראם. איך אפלאודיר גאווערנער Hochul (האקול) פארן פארברייטערן די גאמיינדע גייסטישע געזונטהייט הלוואה צוריקצאלונג פראגראם צו העלפן אונזער גייסטישע געזונטהייט ארבעטער צו ווייטער פארזעצן צו ליפערן הויעך-קוואליטעט, דערבארומדיגע סערוויסעס פאר אונזער יונגע ניו יארקער".

**אסעמבלימעמבער Andrew Hevesi (אנדרעי העבעסי) האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר צו גאווערנער Hochul (האקול) פארן פארברייטערן די גאמיינדע גייסטישע געזונטהייט הלוואה צוריקצאלונג פראגראם. די הלוואה פארגעבונג פראגראם העלפט פארזיכערן אונזער האבן גענונג קוואליפיצירטע

פראפעסיאנאלען נאכצוקומען די גייסטישע געזונטהייט קריזיס צו וואס אונזער סטעיט איז אויסגעשטעלט, ספיציעל ווירקונדיג אויף אונזער קינדער."

גאווערנאר Hochul (האקול) האט אויך אוועקגעשטעלט די יוגנט מענטעל העלט עדווייזארי באורד, א 30-מיטגליד עדווייזארי באורד וועלכע נעמט אריין יוגנט צווישן די יארגענג פון 11 און 17. די עדווייזארי באורד קומט זיך צאם פיר מאל א יאר און איז געאייגנט צו פארזיכערן אז יוגנט-באזירטע בעסטע איינפירונגען ווערן ווייטער גענומען אין באטראכט אין די אנטוויקלונג פון אויפפירונג געזונטהייט פראגראמען און פאליסיס.

**ניו יארק סטעיט קונסיל פאר געמיינדע אויפירונג העלטקעיר ( Council for Community Behavioral Healthcare) עקזעקעטיוועו דירעקטארLauri Cole (לאורי קאול) האט געזאגט**, "די 165 מיטגלידער פון די ניו יארק סטעיט קונסיל פאר געמיינדע אויפירונג העלטקעיר אפלאודירן גאווערנער Hochul (האקול) און אונזער איבערמידליכע קאלעגעס ביי די אפיס פאר גייסטישע געזונטהייט פארן האבן די וויזיע צו אהערשטעלן די וויכטיגע פארברייטערונג פון א קריטישע הלוואה צוריקצאלונג פראגראם וועלכע פאקוסירט אויף די גייסטישע געזונטהייט געברויכן פון אונזער קינדער, יוגענט און פאמיליעס אזוי אז אונז קענען אויפנעמען און אנהאלטן די ארבעטסקראפט גענדארפט זיי צו סערווירען. ווייניג זאכן קענען זיין מער וויכטיג ווי צו פארזיכערן די ניו יארקער האבן שנעלע צוטריט צו סערוויסעס אויף א שטאפל פון קעיר די מערסט געפאסט נאכצוקומען זייער געברויכן. דעס קען נאר געשעהן אויב אונז באלוינען פסיכיאטער, פיסיכארישע נורס פראקטיקער, לייסענסד גייסטישע געזונטהייט פראקטיקער און אנדערע וועלכע ווילן מאכן אן אונטערשיד אין די לעבענס פון ניו יארקער, אבער זענען אפטמאל אנגעלאדענט מיט אומקאנטראליבארער חובות."

**ניו יארק סטעיט קאונסיל פון פאמיליע און קינדער קעיר ( Council of Family and Child Caring Agencies) אגענטורען פרעזידענט און CEO Kathleen Brady-Stepien (קעטעלין ברעדי-סטעפיען) האט געזאגט**, "אונז באדאנקען די גאווערנער פארן פריאריטיזירן די גייסטישע געזונטהייט באדערפענישן פון יוגענט אין די סטעיט, און פאר אנערקענען די קריטישע וויכטיגקייט פון די ראלע אונזער קינדער וואוילזיין ארבעטקראפט אין די אויפירונג געזונטהייט ספעקטרום. אונז זענען פריילעך צו זעהן די אינוועסטירונג צו שטיצן איינגעשטעלטע אין עררייכען זייער העכערע עדוקאציע און קאריערע צילן, ווייל א סטאבילע און גוט-טרעניערטע ארבעטסקראפט איז קריטיש צום פארזיכערן קוואליטעט סערוויסעס, פאזיטיוויע ווירקונגען פאר אונזער קינדער און פאמיליעס און פארמינערטע צייט פון מוזן בלייבן אין פאסטער קעיר."

**ניו יארק סטעיט קאליציע פאר קינדער'ס אויפירונג געזונטהייט ( Coalition for Children's Behavioral Health) פרעזידענט און CEO Kayleigh Zaloga (קעילי זאלאגאו) האט געזאגט,** "אונז טוהן שטארק שעצן די פריאריטיזאציע פון קינדער-דינענדע פראקטיקער, און די אריינגעמונג פון פראוויידער לייסענסד דורך OCFS אין די פארברייטערונג פון די געמיינדע גייסטישע געזונטהייט הלוואה צוריקצאלונג פראגראם. עס איז א באגריסענדע שריט פאראויס צו פארשטערקערן די קינדער'ס אויפירונג געזונטהייט ארבעטסקראפט דורך אינוועסטירן אין די פראקטיקער וועלכע יוגענט און פאמיליעס פארלאזן זיך אויף. פארגרינגערן די פינאנציעלע יאך אפון סטודענד הלוואה חובות איז א מיינונגפילע בענפיט וועלכע וועט ערמעגליכען מער לייסענסד פראקטיקער צו פארבלייבן אין די פראגראמען וועלכע דארפן זיי, אין א צייט ווען געמיינדע געברויך פאר אויפירונג געזונטהייט סערוויסעס האלט אין איין ארויפגיין. אלץ א פעלד וועלכע באשטייט אין גרויסן פון פרויען, אונז ווילן אויך אינטערשטרייכן די ווערד פון אינוועסטירן אין די קינדער'ס אויפירונג געזונטהייט אלץ א סטראטעגיע פון שטיצן פרויען'ס עקאנאמישע סטאביליטעט אין די זעלבע צייט פון פארבעסערן קינדער און פאמיליע'ס צוטריט צו קעיר."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן